ב"ה

פרשת נח · שנת תשע"ו · גליון א'קה · שנה כב

# לקראת שבת

לענג את השבת בדברי תורה וחסידות

יו"ל ע"י התאחדות אברכים
דחסידי סקווירא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## סיפורי קודש
מתוך שיחותיו הק' של
## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### כ"ק מרן המאור עינים זצוקללה"ה

י"א חשון שנת תקנ"ח

- מאמר א -

### התקרבותו אל מרן הבעש"ט הקדוש זי"ע

כ'האב געהערט פון טאטן ז"ל די השתלשלות וויאזוי דער בעל שם האט מקרב געווען דעם מאור עינים. דער מאור עינים איז געווען א מלמד, און עס איז געווען אנפאנג א זמן, און דער מאור עינים האט געווארט אויף די קינדער, אבער קיינער איז נישט געקומען, אפילו די וואס האבן געגעבן אין פריערדיגע זמן האבן יעצט נישט געגעבן. ער האט געווארט א טאג-צוויי, ער האט אבער געזען אז קיינער קומט נישט, האט ער געטראכט אז מ'האט נישט הנאה געהאט פון אים. האט ער געטראכט צוריקצוגעבן דעם שכר לימוד פאר די עלטערן, אבער ער האט נישט געהאט קיין געלט, האט ער פאר'משכונ'ט אלע זיינע זאכן און געבארגט געלט.

ווען ער איז צוגעגאנגען צו די ערשטע צוויי עלטערן, האבן זיי נישט געוואלט נעמען פון אים דאס געלט און זיי האבן געזאגט אז דאס וואס זיי האבן נישט געגעבן די קינדער איז נישט וויל זיי זענען נישט געווען צופרידן, נאר מ'איז יא געווען צופרידן, נאר דער בעל שם איז דא געווען און ער האט געבעטן אז מען זאל נישט גיבן די קינדער.

האט ער נישט געהאט קיין אנדערע עצה, און ער איז געפארן צום בעש"ט, ער איז געפארן צום בעש"ט פאר שבת, האט דער בעש"ט געזאגט פאר זיין רעביצין אז "א גנב קומט." ווען ער איז געקומען, האט זי געזען א קדושה, האט זי געפרעגט "ער איז א גנב?" האט דער בעש"ט געזאגט: "ער וויל דאך צוגנב'ענען די גאנצע עולם הבא!"

מוצאי שב"ק האבן זיי זיך געוואשן, נאר די צוויי, און זיי האבן געבענטשט מזומן! "וואס מ'האט געזען" זענען געווען נאר די צוויי, דער בעל שם מיט'ן מאור עינים, און זיי האבן געבענטשט מזומן[א].

### על ציון הקדוש של הבעל שם טוב

כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל אז דער מאור עינים זצוק"ל איז אמאל געגאנגען צום ציון פון זיין רבי דער בעל שם טוב הקדוש זצוק"ל און ווי דער מנהג איז האט ער אויסגעטון די שיך און איז געשטאנען בארפיסיג אויפן ערד. ס'איז געווען דעמאלטס ממש א פראסט מיט אייז און ס'האט אים ממש געבלוטיגט. נאכדעם האט דער מאור עינים געזאגט אז ער האט געפילט אוירא דארץ ישראל ביים ציון, און דארט [אין ארץ ישראל] איז דאך נישט קאלט יעצט, וועגן דעם האט ער נישט געפילט די קעלט און ס'האט אים נישט געשטערט.[ב]

### "קיין בעל שם בין איך דאך נישט..."

כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז ווען עס איז ארויסגעקומען דער ספר שבחי בעל שם טוב, און עס שטייען דאך דארט פלאימ'דיגע זאכן מיט געוואלדיגע מופתים פונעם בעל שם הק' זי"ע, און דער מאור עינים זי"ע האט דאס געזען, האט ער זיך אנגערופן: "וואס ס'שטייט אין 'שבחי בעל שם טוב' קען איך אויך טון, אבער קיין "בעל שם" בין איך דאך נישט!" ער האט נישט געוואלט אז מען זאל טראכטן אז דאס איז דער כח הבעש"ט.[ג]

### תלמיד מובהק להמגיד ממעזריטש זי"ע

סתם "מורי" מיינט ער דעם גרויסער מגיד זי"ע, אבער אין פרשת כי תשא ברענגט ער דאס צוויי מאל אויפ'ן בעשה"ק[ד]. ער איז נאך געווען ביים בעל שם הק', און נאכדעם איז ער געפארן "בקביעות" צום גרויסער מגיד זי"ע. ס'איז א פלא'דיגע זאך אז דער דברי חיים מצאנז זי"ע שרייבט אין א תשובה צו די סטרעטינער קינדער וועגן ירושה וכו' (ח"ב חו"מ סי' לב), אז דעם גרויסער מגיד זי"ע האבן איבערגענומען דריי תלמידים: דער אור המאיר זי"ע, דער מאור עינים זי"ע און דער קדושת לוי זי"ע! דער חידוש פון דעם איז, אז דער קשר פונעם צאנזער רב זי"ע צום גרויסער מגיד זי"ע איז געווען דורכ'ן נועם אלימלך זי"ע! צי רופשיץ, צי לובלין, צי זידיטשוב - איז אלעס געווען דורכ'ן ר"ר

המשך על עמ' ה' >>>

א) מתוך סיפורי קודש ביומא דהילולא י"א חשון שנת תשל"ח; וראה עוד גליון בחצה"ק וירא תשס"ט ב) בפלטרין של מלך חלק א, עמ' כו. ג) מתוך סיפורי קודש ביו"ד דיליה, י"א חשון שנת תשל"ד; בשיחת קודש בהתאספות תושבי השיכון, י"א חשון שנת תשס"ד. ד) יתרו תשס"ב.

התחלת הש"ס במסגרת עמוד יומי

לע"נ ר' אפרים פישל משה ב"ר אברהם אלימלך ע"ה • ולע"נ מרת לאה ב"ר יוסף ע"ה • ולע"נ ר' נפתלי הירצקא טובי' ב"ר שמואל אליהו ע"ה

## פרפראות
על פרשת השבוע

**כי מלאה הארץ חמס. ותרגם אונקלס: ארי אתמליאת ארעא חטופין** (ו, יא).

דער טשערקאסער זצוק"ל האט געזאגט אמאל: עסן שיריים פון צדיקים איז א תיקון אויפ'ן חטא פון דעם דור המבול, זייער חטא איז דאך געווען אוועקכאפן פון יענעם, ווי דער תרגום אונקלס זאגט "ואתמליאת ארעא חטופין" (אז די וועלט איז געווארן אנגעפולט מיט כאפן פון יענעם און גזל'נען), דערפאר כאפט מען שיריים פון צדיקים, צו מתקן זיין דעם חטא פונעם דור המבול!

**ילקוט מאורי אור**

**עשה לך תיבת עצי גופר** (ו, יד).

**עשה לך** - איר זאלט אייך מתקן זיין די פגמים און חסרונות ['עשה' איז א לשון 'תיקון'], און ביים דאווענען זאלט איר זיך כולל זיין מיט די תפילות פון אלע אידן. דורכדעם וועט איר זוכה זיין אז אויך, אויב **תיבת עצי גופר** - אייערע ווערטער זענען צוגעגליכן צו ביליגע האלץ, וועלן זיי זיין חשוב ביים אויבערשטן.

**ברכת דוד**

**וזה אשר תעשה אותה, שלש מאות אמה אורך התיבה וגו'** (ו, טו).

די 'תיבת נח' איז מרמז אויף דעם צונג - האט דער גרויסער מגיד זצוק"ל אמאל געזאגט. ווייל עס איז דאך געווען 300 אמות לאנג, דאס איז ש', 50 אמה ברייט, דאס איז נ', און 30 אמה הויך, דאס איז ל', צוזאמען: 'לש[ו]ן'.

איז די עבודה פון א איד: **וזה אשר תעשה אותה** - איר זאלט תשובה טון אזוי שטארק, אז איר זאלט קענען טייטלען מיט דעם פינגער, ווי עס איז מרומז אין דעם ווארט 'וזה', **שלש מאות אמה וגו'** - און אויף דעם אופן רעדן צום רבש"ע [ווי אויבנדערמאנט אז דאס איז מרמז אויף דעם לשון].

**דברי שמואל**

**צא מן התיבה אתה ואשתך** (ח, טז).

**צא מן התיבה**, בשעת'ן דאווענען, זאלן דיינע ווערטער נישט זיין מיט א כוונה, אויף **אתה ואשתך** - דו און דיין משפחה, נאר די כוונה זאל זיין צו בעטן פאר דער שכינה הק'.

**תורי זהב בשם הרה"ק המגיד הגדול זצוק"ל**



דאס אויפבוי פון
# דער תיבה

רייך און נגיד'יש האבן זיי געלעבט, די פילצאליגע מענטשן אין דעם דור פון 'נח'. זייערע גיטער האבן ארויסגעגעבן די בעסטע פירות, די סטאדעס בהמות האבן זיך געמערט אין די טויזנטע, און פון קיין שום צרה האבן זיי נישט געוואוסט צו זאגן. טאקע דאס האט זיי צוגעברענגט אז זיי זאלן ליידער ווידערשפעניגן אין דעם הייליגן באשעפער, און זיי האבן זיך דערקייקלט צו אזא נידריגן מצב[א].

"עס איז שוין אריבער אלע גבולים!" האט דער רבונו של עולם געזאגט פאר נח מיט גרויס צער, איבער דעם שרעקליכן מצב פון דעם דור. "זיי מיט זייערע פינסטערע מעשים מוזן קומען צו אן ענדע, דעריבער גיי איך ברענגען א מבול אויף דער וועלט, אלעס אלעס גייט ווערן פארשוועמט און עס וועט נישט בלייבן קיין שריד ופליט פון גארנישט!"

- **דער באפעל פון השי"ת און די אנווייזונגען**

השי"ת האט דאן באפוילן נח'ן צו בויען די תיבה. השי"ת האט דאס גערופן 'תיבה' און נישט 'שיף', וויבאלד עס איז נישט געווען אין קיין צורה פון א שיף, און ווי אויך האט עס נישט געהאט קיין רודערס, ווייל עס איז דאך נישט געמאכט געווארן צו אנקומען צו א געוויסן ציל, נאר בלויז צו שווימען אויף די וואסערן[ב].

די ארבעט אויף דער תיבה איז גארנישט געווען אזא גרינגע, עס איז געווען א 120 יעריגע עבודה. אבער דאס איז געווען מיט א מטרה, נעמליך יעדער וואס זעט דאס זאל קענען צוקומען צו תשובה.[ג] השי"ת האט אים געגעבן די פונקטליכע אנווייזונגען מיט וועלכע האלץ ער זאל דאס בויען, און אזוי אויך די פונקטליכע מאס![ד]

נאך פיל פרטים זענען געווען אין דאס אויפבוי, זיי האט השי"ת נישט געזאגט מיט'ן דיבור [און עס שטייט נישט אין פסוק], נאר געוויזן מיט'ן קליינע פינגער כביכול, "אזוי זאלסטו בויען!"[ה]

- **מען פאנגט אן די פיבערהאפטיגע הכנות**

נח האט באלד אנגעהויבן די ערשטע שטאפלען פון הכנות צום אויפבוי פון דער גיגאנטישער 'תיבה'. ווי נאר ער האט זיך אנגעהויבן באשעפטיגן מיט פלאנצן די ספעציעלע ביימער, זענען מענטשן צוגעקומען פון אלע זייטן, וועלנדיג פארשטיין פארוואס ער דארף האבן אזעלכע ריזיגע ביימער. ער האט זיי דערציילט איבער דער שרעקליכער מבול, אבער קיינער האט זיך נישט געקימערט מיט זיינע ווערטער.[ו]

פון הימל האט מען דאן אנטפלעקט פאר נח פונקטליך וועלכע ביימער ער זאל איינפלאנצן, וואס וועלן וואקסן פופציג אמה הויך![ז]

- **די 'עצי גופר'**

ווען זיי האבן געזען אז ער שניידט 'עצי גופר', האבן זיי באלד פארשטאנען דער אורזאך דערפון, אז דאס איז ווארשיינליך א רמז אויף די ברענענדיגע וואסער מיט שוועבל [גפרית], מיט וועלכע השי"ת דראעט זיי אומצוברענגען[ח], אבער מיט דעם אלעם האבן זיי נישט תשובה געטון.

אט די 'עצי גופר' וואס ער האט גענומען פאר דער תיבה, האבן א באזונדערער כח, אז ווען זיי קומען אריין אין וואסער, ווערן זיי אסאך שטארקער! דאס איז געווען א רמז אויף די רשעים, וואס איינמאל זיי זענען ליידער טועם דעם טעם פון א חטא, לאזן זיי זיך נישט אזוי שנעל אפ פון דעם, נאר שטארקן זיך מער און מער.[ט]

די 'עצי גופר' האט א באזונדערע מעלה, זייענדיג א האלץ וואס שווימט זייער גרינג אויף וואסער[י].

המשך על עמ' הבא >>>

א) סנהדרין קח. **ב)** אבן עזרא. **ג)** סנהדרין קח: תנחומא בראשית פרק ה. **ד)** הפסוקים. **ה)** פרקי דרבי אליעזר פרק כג, ופי' הרד"ל שם. **ו)** תנחומא, מדרש רבה. **ז)** בתי מדרשות חלק ב, מכת"י. **ח)** רש"י ופי' הרא"ם, הזכרון, נח"י. **ט)** מדרש אור האפלה. **י)** אבן עזרא; ספר השרשים להרד"ק ערך גפר; אברבנאל.

להשיג
אינוועסטירט אין זיך אליין! דערגרייכט צו אייער גרעסטע הצלחה!
אין בארא פארק
אין מאנסי

אויך איז דאס זייער שטארק, און עס ווערט קיינמאל נישט פארשימלט אין וואסער[יא].

אין גמרא[יב] ברענגט רב אדא אז אינעם ביהמ"ד פון רב שילא האט מען געזאגט אז די 'עצי גופר' זענען געווען די האלץ וואס מען רופט 'מבליגה' אדער 'גולמיש'. דאס איז די באקאנטע 'אדר' בוים וועלכע וואקסט גאר הויך און ברייט-פארצווייגט[יג]. אנדערע זאגן אז עס איז גאר געווען 'קרדוס'[יד], וועלכע איז א סארט טענענבוים[טו].

- **נח קימערט זיך נישט מיט די ליצנות**

שפעטער ווען ער האט אנגעהויבן מיט דאס פאקטישע בויען, האט די אלגעמיינע באפעלקערונג אנגעהויבן טרייבן ליצנות פון אים און זיינע מוסר-רייד. "דו פארשעמטער זיידע![טז]" - האבן זיי שפאטיש גערופן נח'ן[יז] - פון וואס וועט השי"ת ברענגען דעם מבול? אויב א מבול פון פייער, איז דאך די באקאנטע חיה 'עליתה', דאס איז געוויס די 'סלמנדריא' וועלכע ווערט באשאפן פון א קאלך-אויוון פייער וואס ברענט 7 יאר נאכאנאנד[יח], און פייער האט נישט קיין שום שליטה אויף איר, דען זי פארלעשט דאס פייער.

"ווייטער, אויב וועט השי"ת ברענגען א מבול פון וואסער, קענען מיר דאך ברענגען אייזן און שוואמען [ספאנדזשעס][יט] וועלכע וועלן אונז שיצן דערפון! מיר קענען אויך ברענגען אונזערע מעכטיגע גיבורים, וועלכע קענען מיט איין טריט לייגן זייער פיס אויף דעם תהום און עס פארדעקן![כ]"

האט זיי נח געזאגט: "אויב השי"ת וויל, קען ער אייך ברענגען דעם מבול אונטער אייערע פיס, און איר וועט זיך נישט קענען קיין עצה געבן![כא]"

אזוי האט זיך עס געצויגן 120 יאר! וואס נח אליין, אן קיין שום הילף האט געבויט די תיבה.[כב] און ער האט געבויט גענוי וויאזוי השי"ת האט אים אנגעוויזן מיט יעדע פרט און פרט.[כג]

**יא)** פירוש הרוקח; חזקוני. **יב)** סנהדרין שם. **יג)** ערוך, ערך אדר. **יד)** תרגום ירושלמי. **טו)** מדרש ילמדנו שמות טו, כה. **טז)** בראשית רבה ל, ז, ופי' עץ יוסף שם. **יז)** וראה גם 'יפה תלמוד' סנהדרין שם, בטעם שקראו אותו 'זקן', להתלוצץ ממנו, כי א"א לומר שהיה מפני שהיה שש מאות שנה, כי עד אברהם לא היה זקנה. וראה בעיון יעקב שם שמפרש בשונה. **יח)** מהרש"א סנהדרין שם ד"ה קל, ע"פ הגמרא חגיגה כז. ורש"י שם. **יט)** ערוך, ערך עקוב. **כ)** מהרש"א שם ד"ה ואמר. **כא)** סנהדרין שם. **כב)** אברבנאל. **כג)** מדרש לקח טוב.

נאך א טעם, וויבאלד ווען מען זאגט די פרשת הקטורת ווערט דאס פאררעכנט ווי מיר וואלטן מקטיר געווען די קטורת, איז אוודאי כדאי אז צוזאמען מיט'ן זאגן דעם פרשת הקטורת, זאלן מיר אויך טון עטוואס א פעולה מיט אונזערע גוף, ווייל אזוי וועט זיך מצטרף זיין דעם דיבור מיט'ן מעשה, און עס וועט ווערן פאררעכנט ווי מיר זענען ממש מקטיר די קטורת בפועל.

דעריבער איז גוט צו רעכענען דוקא מיט די פינגער'ס פון דעם רעכטן האנט, נישט מיט ביידע הענט: א. ווייל דער רעכטער האנט איז חשוב'ער; ב. ווייל דער כהן פלעגט מקטיר זיין די קטורת אין בית המקדש מיט'ן רעכטן האנט.

**בן איש חי** פרשת מקץ, אות ח

# בכל לבבכם

עבודה שבלב זו תפילה

פרק ג

## אמירת קרבנות

- מאמר י -

- **פרשת הקטורת** (המשך)

היינטיגע צייטן, ווען מיר האבן נישט די עבודת הקטורת, איז די אמירת הקטורת אזוי גרויס אז דער באשעפער כביכול האט הנאה דערפון, און דאס אליין איז גענוג צו ממתיק זיין אלע דינים.

**אגרא דכלה** קרח

כ'האב געהערט פון הרה"ק רבי מנחם מענדיל מפריסטיק זי"ע [הרה"ק רמ"מ מרימנוב זי"ע], אז מען זאל זען צו קומען אין צייט און דאווענען בציבור באלד אנהויב דאווענען, און ער האט געזאגט אז ביי אים זאל מען עכ"פ נישט קומען שפעטער פון אנהויב קרבנות, ווייל ביי די פרשת הקטורת איז מען זיך מקשר צוזאמען, און אזוי קען מען צוזאמען דאווענען די ווייטערדיגע שטיקלעך.

**מאור ושמש** שמיני, יעו"ש

די פרשה פון תמיד און די קטורת זאל מען זאגן מיט גרויס כוונה, ווייל די מעלות דערפון זענען פיל, און לייענען די פרשיות איז 'במקום' די הקרבה. מען זאל ציילן די סממנים מיט'ן פינגער, בעת'ן זאגן, ווייל דער ציילן ווייזט אויף חשיבות, און דאס וועט ברענגען אז מען זאל מער אינזין האבן.

>>> המשך

# בגו הילולא

לוח הילולא דצדיקיא לשבוע הבעל"ט ותולדותיהם בקצרה

**ז' מרחשון** [יום ג לך] **- הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל.** געבוירן אום שנת תרמ"ז אין שטאט שאץ צו זיין פאטער רבי יעקב שמשון, אן אייניקל בן אחר בן פון הרה"ק רבי פינחס קאריצער זצוק"ל. ער איז געווען א תלמיד און חסיד מובהק פון הרה"ק רבי ישראל טשארטקובער זצוק"ל, און ער פלעגט כסדר פארן קיין טשארטקוב, במיוחד אין די שבתים: "שבת בראשית"; "שבת חנוכה"; "פרשת נשא"; און נאך, וואס ער האט באשטימט אלס קביעות'דיגע זמנים וואס ער פלעגט קומען יעדע יאר 'חוק ולא יעבור'. אום שנת תר"ע איז ער געווארן רב אין גאלינע [א שטאט אין גאליציע], און דארט האט ער געגרינדעט זיין ערשטע ישיבה, און ער האט זיך אפגעגעבן מיט זיינע תלמידים אויף אן אויסטערלישן אופן, ממש ווי א טאטע צו קינדער. דערנאך איז ער געווארן רב אין סאנוק, פיעטרקוב, און דערנאך איז ער געגאנגען וואוינען אין לובלין, וואו ער האט אויפגעשטעלט זיין בארימטע ישיבה "ישיבת חכמי לובלין". אין שנת תרפ"ג האט ער מציע געווען די רעיון פון "דף היומי" וואס ער האט געהערט פון זיין רבי, דער טשארטקובער זצ"ל, ביי דעם ערשטן 'כנסיה גדולה' אין ווין, און אום שנת תרפ"ד האט ער געלייגט די אבן הפינה פאר דעם פראכטפולן בנין פון זיין ישיבה, אויף וועלכע ער האט זיך גאר שטארק געפלאגט בדמי"ם תרתי במשמע דאס אויפצושטעלן, און אום שנת תר"צ איז פארגעקומען די גרויסע חנוכת הבית מיט'ן באטייליגונג פון צענדליגע צדיקים און גדולי פולין, צווישן זיי מהר"פ מאוסטילא זצוק"ל הי"ד. ער איז דאן געווארן אויפגענומען אלס לובלינער רב, און ער איז נפטר געווארן שנת תרצ"ד אין לובלין. ער האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער, און ער האט זיך אויסגעדרוקט אז ער האט מקיים געווען די מצוה פון 'פריה ורביה' מיט זיינע צוויי קינדער: 'דף היומי' און 'ישיבת חכמי לובלין' (מפי תלמידו הגר"ש וואזנער זצ"ל).

**ח' מרחשון** [יום ד] **- הרה"ק רבי מרדכי זצוק"ל בן מרן מהר"ד.** ער איז געווען דער עלטסטער זון פון כ"ק מרן רבי דוד'ל סקווערער זצוקללה"ה, און אן איידעם ביים פעטער הרה"ק רבי אברהם יושע העשיל זצוק"ל. עס איז באקאנט וואס כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דערציילט איבער דעם גאר יונגן 'גיל' ווען ער איז געווארן א חתן, און זיין כלה איז אויך געווען גאר יונג, האט דער זיידע מרן מהר"י האט אריינגערופן דעם אייניקל, דער חתן מרדכי'לע, און אים באפוילן מער נישט צו שפילן מיט די זאמד אינאיינעם מיט זיין קאזינע, און דערנאך אריינגערופן די כלה דבורה'לע און איר באפוילן דאס זעלבע... די חתונה איז פארגעקומען ח"י אלול תרמ"ג אין סקווירא בראשות כ"ק מרן מהר"י זצוקללה"ה, און ער איז ליידער נסתלק געווארן בחייו פונעם פאטער מהר"ד, פון דער ביטערער מחלה 'טיפוס' ה"י, נאכדעם וואס ער איז נסתלק געווארן אום שבת נאכמיטאג, האט מרן מהר"ד מיט זיין אויסטערלישע שטארקייט און איינגעהאלטנקייט גארנישט ארויסגעוויזן, ער האט ווייטער געפירט דעם שבת און שלש סעודות ווי גארנישט וואלט ווען פאסירט, און ווען דער יונגערער ברודער כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה האט נישט געקענט אויסהאלטן די

המשך על עמ' ה' >>>

## הרה"ק רבי אליעזר פון דזיקוב זי"ע | ג' חשון

# "יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס!"

געוואן איז עס ביי איינע פון די נסיעות פון דעם הייליגן צדיק הרה"ק רבי אליעזר'ל פון דזיקוב, צו זיין רבי'ן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע. מען האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן וועג אין אן אכסני' מיט דער ציל זיך צו אפרוען אביסל פון וועג און דאן פארן ווייטער.

מען האט זיך שוין געגרייט ווייטער צו פארן אין וועג. דער בעל עגלה האט צוריק איינגעשפאנט די פערד צום וואגן, און דער רבי האט שוין געוואלט אויפשטייגן אויפן וואגן. אבער הארט איידער דער צדיק איז ארויף אויפן וואגן איז צוגעקומען צו אים א איד פון א ווייטע לאנד און האט איבערגעגעבן א קוויטל אינעם רבי'נס האנט אריין, אינאיינעם מיט א פדיון. אזויווי דער צייט איז געווען גאר ענג און דער רבי האט זיך זייער געיאגט צו ווייטער פארן אין וועג האט דער רבי צוגעזאגט פארן איד אז ער וועט ליינען זיין קוויטל אויפן וועג אינעם וואגן. דער איד האט צוגעשטימט און דער צדיק איז אויפגעשטיגן אויפן וואגן. מיט א שמייס פונעם בייטש האבן זיך די פערד ארויסגעלאזט אין א ווילדע גאלאפ און דער וואגן האט זיך געשלענגלט אויף די וועגן.

אזוי פארנדיג איז למעשה ארויס פון קאפ צו לייענען קוויטל און אזוי אויך די פדיון וועלכע דער איד האט אים געגעבן. עס איז ערגעץ אפירגעגאנגען און דער רבי האט עס קיינמאל נישט געליינט.

יארן זענען פארלאפן. דער צדיק איז שוין געווען שוואך ל"ע, און איז געליגן אין בעט. אזוי ליגנדיג האט דער הייליגער צדיק געמאכט א חשבון הנפש, און זיך פלוצלינג דערמאנט אין דער מעשה וואס האט פאסירט מיט יארן פריער. דער רבי האט זיך דערמאנט אז אייגנטליך איז דער קוויטל קיינמאל נישט געליינט געווארן.

א מורא'דיגע צער האט ארומגענומען דעם רבי'ן דערמאנענדיג זיך דאס. ער האט קיינמאל נישט געליינט דעם קוויטל, און איז געבליבן מיט דעם פדיון פון דעם איד. כאטש עס איז געווען באונס ממש, האט דער צדיק געשפירט אז דאס איז א חשש פון גזילה! דער רבי האט זיך נישט געקענט בארואיגן אז ער איז נכשל געווארן אין דעם איסור פון גזל אומווילנדיג. ער האט געגארט און געגלוסט אויף א געלעגנהייט צו תשובה טון דערויף און צו קענען איבערבעטן דעם איד פונעם ווייטן לאנד.

עטליכע טעג זענען אריבער, און צום רבי'ן אין שטוב איז אריינגעקומען א איד פון גאר א ווייטן ארט. אריינקומענדיג האט ער געבעטן אז ער וויל זען דעם רבי'ן, אבער די שטוב מענטשן האבן זיך אנטשולדיגט און האבן אים ערקלערט אז עס איז פשוט נישט מעגליך דען דער צדיק איז זייער שוואך און האט נישט קיין כח צו אויפנעמען מענטשן, אבער דער איד האט זיך געהאלטן פעלזן פעסט. ער האט נישט נאכגעלאזט, נאר האט זיך געבעטן ממש מיט תחנונים. "איך בין געקומען פון אזא ווייטע וועג," האט ער זיך פרובירט צו איינבעטן, "נאר אויף צו קענען אריינגיין צום רבי'ן. איך בעט אייך, עס איז גאר וויכטיג!" אזוי האט ער זיך געבעטן און געבעטן ביז די שטוב מענטשן האבן געפילט ווי זיי קענען אים שוין נישט אפזאגן. זיי זענען אריין צום רבי'ן און האבן דערציילט פארן צדיק אז דא אינדרויסן געפונט זיך א איד וועלכע איז געקומען צו פארן זייער א ווייטער וועג נאר אויף צו זען דעם רבי'ן און ער בעט זיך זייער מען זאל אים אריינלאזן. זיי האבן געפרעגט דעם רבי'ן וואס זיי זאלן טון און צי זיי מעגן אים אריינלאזן.

דער צדיק האט זיי געבעטן זיי זאלן אויסמאלן פאר אים דער צורה פונעם איד וועלכע שטייט אוןווארט אינדרויסן. ווען זיי האבן בערך אפגעמאלן זיין אויסזען האט דער רבי אויסגערופן מיט התרגשות: "איר זאלט וויסן אז ער איז דער איד וועמענ'ס קוויטל און פדיון איך האב גענומען, אבער נישט געליינט דעם קוויטל, ווען מיר זענען געווען אויפן וועג קיין צאנז. שיקט אים שוין אריין צו מיר!"

מען האט דעם איד גלייך אריינגעברענגט אינעם צימער און דער רבי האט אים איבערגעבעטן אויף דעם וואס ער האט געזינדיגט קעגן אים מיט יארן פריער, פארגעסנדיג צו ליינען זיין קוויטל. דאן האט ער זיך אפגעזעגנט פונעם איד און דער איד איז ארויס.

ארויסקומענדיג פונעם רבי'נס צימער זענען די מקורבים פונעם רבי'ן געווען זייער נייגעריג צו וויסן וואס האט געברענגט דעם איד אהער פון זיין ווייטן וואוינארט. זיי האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן און האבן אים געפרעגט, "וואס האט אייך געמאכט קומען אזא לאנגע וועג אהער פונקט יעצט?" דער איד האט זיי גערן דערציילט: "אויך פאר מיר איז דאס זייער אינטערעסאנט. עס איז שוין אפאר טעג וואס איך הער אין מיין חלום א קול וואס שרייט צו מיר: 'פאר צו דזיקוב!' איך האב נישט געהאט קיין מנוחה האב איך זיך אויפגעהויבן און געקומען אהער. יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס..."

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

(דמשק אליעזר)

## לשקוד על דלתותי יום יום

(משלי ח, לד)

לוח התורה לשבוע הבעל"ט

| | שבת נח<br>ד' חשון | יום א' לך לך<br>ה' חשון | יום ב'<br>ו' חשון | יום ג'<br>ז' חשון | יום ד'<br>ח' חשון | יום ה'<br>ט' חשון | עש"ק<br>י' חשון |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דף יומי | נזיר נו | נזיר נז | נזיר נח | נזיר נט | נזיר ס | נזיר סא | נזיר סב |
| עמוד יומי | חזרה | חגיגה כו. | חגיגה כו: | חגיגה כז. | | | חזרה |
| ישמח לב | לימוד מיוחד מתורתן של רבוה"ק לבית טשערנאביל, שיופיע בעזהשי"ת בקונטרס מיוחד עד י"ט חשון - התחלת ספה"ק מאו"ע ספר בראשית | | | | | | |
| שונה הלכות | חזרה | סי' צ יג-יז | סי' צ יח-כב | סי' צ כג-כה / צא | סי' צב א-ז | סי' צב ח-י / צג | חזרה |
| מאו"ע יומי | עמ' תקצ"ב וזהו גם כן בחי' עד עמ' תקצ"ד ונמצא דבוק בהקב"ה | עמ' תקצ"ד וזה זוכה לדברים עד עמ' תקצ"ו בלי שום יגיעה | עמ' תקצ"ו והנה בכל דבר עד עמ' תקצ"ז אנס"ו בילא"ו | עמ' תקצ"ז מאוד מאוד עד עמ' תקצ"ח בילא"ו יילא"ו | כוונת המקוה בקצרה עד מצאתי בהעתקה | הנהגות ישרות עד כמש"כ בשערי ציון | וליזהר מאד עד לביתו משך זמן סיום הספר |

## ואלה תולדות:

הרה"ק רבי אליעזר געבוירן געווארן אין דער שטאט דוקלא בערך שנת תק"נ צו זיין פאטער הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע, און אן איידעם ביי רבי יחיאל מיכל מראווה-רוסקא זי"ע [ברודער פון הרה"ק רבי שלום קאמינקער זי"ע]. ער איז געווען א תלמיד מובהק פון פיל צדיקים, צווישן זיי: זיין פאטער; דער אריה דבי עילאי; רבי הערשלע מרימנוב; רבי מאיר פרימישלאנער; דער ראדאשיצער; רבי הערשלע זידיטשובער. צוערשט האט ער נישט געוואלט נעמען אויף זיך דעם עול-הרבנות, און ער האט זיך מתפרנס געווען פון מאכן וויין [אזויווי זיין פאטער האט געטון אין זיינע יונגע יארן], דערנאך איז ער געווארן דער חזן אין ראפשיץ, האבנדיג גאר א שיינע שטימע, ביז זיין שוואגער הרה"ק רבי אשר ישעי' מראפשיץ האט שטארק מפציר געווען אז ער זאל ווערן רב, און רבי אשר'ל איז אליין געגאנגען צו די ראשי קהלה פון דזיקוב און גערעדט מיט זיי אז זיי זאלן אויפנעמען זיין שוואגער אלס רב. ער איז נסתלק געווארן אום שנת תרכ"א, און מקום מנוחת-קדשו איז אין דזיקוב.

## מסופר עליו:

הרה"ק רבי אליעזר איז אמאל זייער קראנק געווארן ר"ל און דערנאך דערציילט: "מיין נאנטער חבר הרה"ק רבי נפתלי מליזענסק זי"ע איז געווען ביי מיר און שטארק געבעטן אז איך זאל ארויפקומען אין עולם האמת און ווייטער ממשיך זיין מיט אונזער חברותא'שאפט, איך האב נישט געוואלט, זאגנדיג פארשידענע תירוצים, אבער גארנישט האט געהאלפן, ער האט מיר געצויגן מיט שטארקייט. ביז איך האב געזאגט: "איך האב נאך קליינע קינדער, און ווער וועט זיי מחנך זיין?!" דאס האט געהאלפן און ער האט מיר אפגעלאזט. רבי אליעזר'ל האט דאן ארויפגעצויגן זיין ארבל און געוויזן די פינגער אפדרוקן פון רבי נפתלי אויף זיין האנט!

יארן שפעטער האט דער אמרי חיים אמאל שטארק נישט גוט-געשפירט ל"ע, און ווען ער איז געזינט האט ער דערציילט די מעשה פאר די בחורים, און אויסגעפירט: "איך בעט אייך בחורים, איר זאלט זיך גוט אויפפירן, ווייל אויף דעם תנאי האט מען מיך געלאזט ביים לעבן!" (בטאון ויזניץ, שבט תשס"ה).

## סיפורי קודש | המשך

אלימלך, און ער ברענגט די דריי הנ"ל. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך![ה]

### קורת רוחו לרבו המגיד ממעזריטש זי"ע

כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל איבער דער אופן וויאזוי דער מאור עינים האט זוכה געווען צו די נשמה פון זיין זון דער טשערנאבילער מגיד זצוק"ל. ס'איז געווען ביי די חתונה פון הרה"ק רבי אברהם המלאך זצוק"ל דער זון פון דער גרויסער מגיד זצוק"ל, בשעת מ'האט אויסגערופן דרשה געשאנק האט דער גרויסער מגיד נישט געהאט וואס צו גיבן.

ווען דער מאור עינים האט געזען אז זיין רבי האט גרויס חלישת הדעת פון דעם, האט ער אים אונטערגעריקט עפעס א גאלדענע קערבל, אז ער זאל האבן וואס צו גיבן פאר דרשה געשאנק. און דער גרויסער מגיד האט גאר שטארק הנאה געהאט פון דאס וואס דער מאור עינים האט געטון, האט ער זיך אנגערופן: "ס'איז דא א הויעכע נשמה וואס קומט אראפ איינמאל און טויזנט יאר, - אדער איז דא וואס זאגן אז ער האט געזאגט אז ס'איז דא א נשמה פון עולם התיקון - און איך גיב די נשמה א מתנה פאר'ן מאור עינים". ווען רבי אהרן הגדול פון קארלין האט עס געהערט האט ער זיך אנגערופן אז ס'איז שוין לאנגע יארן וואס ערווארט און האפט צו באקומען די נשמה. האט דער גרויסער מגיד געזאגט: "פארפאלן! כ'האב עס שוין געגעבן פאר דעם מאור עינים, אבער! ער וועט זיין אן איידעם ביי דיר!"... ביים זיווג ראשון איז דער טשערנאבילער מגיד טאקע געווען אן איידעם ביי רבי אהרן הגדול פון קארלין זצוק"ל.[ו]

### כפשרה בין מנהגי שני רבותיו

איך האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז דער בעל שם זי"ע האט נישט געגעסן ביינאכט אויך נישט אין סוכה, און דער גרויסער מגיד זי"ע האט געגעסן בייטאג אויך - און דער מאור עינים זי"ע איז דאך געווען א תלמיד פון ביידע, ממילא האט ער געמאכט שטיקל פשרה אז ביינאכט יא און בייטאג נישט.

צדיקים האבן געזאגט אז ביים בעל שם זי"ע איז געווען א בחינה פון אוירא דארץ ישראל, ממילא האט ער שוין נישט געדארפט זיצן אין סוכה, אזוי ווי אין ארץ ישראל[ז].

### מממלאי-מקום המגיד הגדול זי"ע

אין שו"ת דברי חיים (חלק ב, חו"מ סימן לב) איז דא אן אינטערעסאנטע תשובה וועגן די סטרעטינער קינדער. ברענגט ער דארט א פלא'דיגע זאך: "ווער ס'האט ממלא מקום געווען דעם גרויסן מגיד זענען געווען, דער מאור עינים, דער קדושת לוי און דער אור המאיר".

דער חידוש פון דעם איז, אז דער צאנזער רב'ס קשר צום גרויסער מגיד זי"ע, צי ס'איז דורך רופשיץ צי דורך לובלין, איז דאך געווען דורכ'ן ר"ר אלימלך זי"ע - און ער ברענגט אים נישט, ער ברענגט נאר די דריי. ער זאגט דארט אז נישט אלעמאל איז דער זון ממלא מקום, והא ראיה אז ביים בעל שם זי"ע האט איבערגענומען דער גרויסער מגיד זי"ע, כאטש ער האט געהאט א זון, און ביים גרויסער מגיד כאטש ס'געווען א זון - האבן איבערגענומען די דריי תלמידים[ח].

### "וכולי עלמא אבתריה גרירי"

ס'איז דא א בריוו פון הרה"ק רבי יהודה לייב זצ"ל, א ברודער פונעם רַב מליאדי זי"ע בענין 'סכינים מלוטשים' (בספרו שארית ליהודה). ברענגט ער דארט: "כי הה"ק מו"ה נחום מטשערנאביל היה אור תורתו זורח במדינתכם, וכל הצדיקים החשובים מיכף הוו כייפי ליה, והארץ האירה מכבודו, וכולי עלמא אבתריה גרירי", אז אין דעם מקום זענען כמעט אלע צדיקים געווען כפופי מכייפי ליה, און ס'געווען גרירי אבתריה!

**המשך יבוא אי"ה בגליון הבא - בעיצומו של יומא דהילולא קדישא**

ה) מקץ תשס"ד. ו) יתרו תשנ"ט; ועוד. ז) חיי שרה תשס"ד. ח) שם קרח תשס"ט.

## בגו הילולא

*המשך*

צער און ער איז גלייך ביים זמן - ווען רבי דוד'ל האט נאך געהאלטן אינמיטן שלש סעודות - ארויפגעלאפן אין זיין שטוב, זיך געביטן צו די וואכענדיגע בגדים און גאר ביטערליך געוויינט אויף די ביטערע טראגעדיע. האט מרן מהר"ד באמערקט אז דער רבי ז"ל פעלט פונעם טיש און מען האט אים געזאגט אז ער זיצט אויבן און וויינט האט ער באפוילן אז מ'זאל אים שוין רופן. דער רבי ז"ל האט זיך שנעל צוריק געטוישט צו די שבת'דיגע בגדים און ער איז אראפגעקומען צו שלש סעודות און זיך געזעצט אויף זיין פלאץ, דאן האט רבי דוד'ל זיך אויסגעדרייט צו אים און אנגערופן: "עס איז דאך שבת היינט!"...

**ט' מרחשון [יום ה] - רבינו אשר ה'רא"ש' ז"ל.** געבוירן געווארן אין דייטשלאנד צו זיין פאטער רבי יחיאל, בערך אום שנת ה'. ער האט געלערנט תורה פון זיין פאטער, אבער אין זיין גארער יוגענט איז ער שוין געווארן א יתום פון זיין פאטער, האט ער געלערנט תורה פון זיין גרויסן ברודער רבי חיים. דערנאך איז ער געפארן קיין ווארמייזא-פראנקרייך און געלערנט פון זיין רבי מובהק דער מהר"ם מרוטנבורג. ווען דער מהר"ם איז ארעסטירט געווארן, האט דער רא"ש פיל גע'שתדל'ט און זיך מוסר נפש געווען אז מען זאל אים באפרייען. נאך די פטירה פון זיין רבי אין תפיסה, ווען ער האט געזען אז דער מצב פון אידישקייט אין 'אשכנז' ווערט ערגער און ערגער, האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין שפאניע. אויפ'ן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין פיל שטעט, וואו מען האט אים שטארק מכבד געווען און ער האט מרביץ תורה געווען. ער איז דאן געווארן דער ראש בית דין אין טאלעדא, און נאך דער פטירה פון דעם רשב"א, איז דער רא"ש געווארן דער מנהיג פון כלל ישראל אין שפאניע.

המשך על עמ' ו' >>>

# מקומות הקדושים

## מערת המכפלה | ב

**אין דעם פריערדיגן מאמר** האבן מיר געכאפט א נענטערע בליק אויף דער היסטאריע פון דער הייליגער 'מערת המכפלה' אין אירע ערשטע צוויי טויזענט יאר, ווען עס איז געגראבן געווארן און ווען עס זענען באהאלטן געווארן אין איר 'אדם', 'חוה', און דערנאך 'שרה אמנו'.

• **די קבורה פון די אבות און אמהות**

ר"ח טבת שנת ב'קכד, איז 'אברהם אבינו' נפטר געווארן אין עלטער פון 175 יאר[א], בשיבה טובה, וועלכע איז מרומז אין די ראשי תיבות פון 'טבת' - ת'קבר ב'שיבה ט'ובה[ב]. די גאנצע וועלט האט געקלאגט נאך דעם גוואלדיגן פארלוסט, אפילו די גדולים פון די 'אומות העולם' האבן זיך אויפגעשטעלט אין א שורה, און געקלאגט: "ווי איז פאר די וועלט וועלכע האט פארלוירן איר פירער; ווי איז פאר די שיף וועלכע האט פארלוירן איר קאפיטאן!"[ג]

נאכדעם וואס אלע האבן צוגעטיילט די לעצטע כבוד פאר אברהם אבינו, און מען האט באגלייט די הייליגע מטה צום מערת המכפלה, זענען די צוויי קינדער יצחק און ישמעאל אריין, און זיי האבן דארט באהאלטן דעם הייליגן קערפער פון אברהם אבינו[ד]. מקום מנוחת-קדשו פון אברהם אבינו ע"ה איז פארבליבן פאראייביגט אין דעם נאמען פונעם שטאט 'חברון', וועלכע איז נוטריקין 'חבר נאה', צו מרמז זיין אז אברהם וועלכער וועט אנגערופן 'חבר נאה' ליגט דארט באהאלטן![ה]

פיל יארן זענען פארלאפן, יעקב אבינו און זיינע קינדער האבן אנגעפירט העפטיגע מלחמות אקעגן די פיינט, און נאכדעם וואס זיי האבן זיך שוין אומגעקערט צו בית א-ל איז נפטר געווארן דבורה די 'מינקת' פון רבקה, יעקב האט איר באערדיגט מיט כבוד אין בית א-ל און געטרויערט נאך איר, אבער ווען ער האט נאך געהאלטן אינמיטן טרויערן, זענען געקומען די קנעכט פון יצחק און אים דערציילט די ווייטאגליכע בשורה אז זיין מוטער 'רבקה אמנו' האט אויסגעהויכט איר הייליגע נשמה, און זי איז שוין באערדיגט געווארן אין דער 'מערת המכפלה'. די סיבה פארוואס מען האט דאס געזאגט פאר יעקב נאכ'ן לוי', איז געווען כדי צו באהאלטן איר פטירה פון עשו, אז ער זאל נישט קומען צו די לוי' און מבזה זיין זיין מאמע[ו].

אויך יצחק אבינו איז באהאלטן געווארן אין דער מערת המכפלה, נאכדעם וואס אלע קעניגן פון ארץ ישראל האבן זיך צונויפגעזאמלט אפצוגעבן כבוד פאר אונזער פאטער יצחק[ז]. אבער אצינד איז יעקב געווארן באזארגט, וואוסענדיג אז עס איז דא פלאץ פאר נאך איין פאָר, און ער האט מורא געהאט אז עשו הרשע וועט ווילן באקומען דעם פלאץ פאר זיך. האט יעקב גענומען זיין גאנצע זילבער און גאלד און עס אויפגעהויפנט אין א ריזיגע הויפן, און זיך דאן אנגערופן צו עשו מיט א פראגע: "עשו, וואס ווילסטו ענדערש? די דאזיגע הויפן אדער דער קבר?" עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז דער געלט-גייציגער עשו האט באלד אויסגעקליבן דעם הויפן[ח], און מען האט אויפ'ן פלאץ פארשריבן אין א שטר אז די פלאץ אין דער מערת המכפלה באלאנגט פאר יעקב אבינו, און די שטר איז געווארן אוועקגעלייגט אין דעם ארכיוון פון יעקב[ט].

ווען יעקב אבינו איז אלט געווארן הונדערט און זעקס יאר איז נפטר געווארן די דריטע פון די הייליגע אמהות, לאה, זייענדיג אלט בלויז איין און פופציג יאר, יעקב און די קינדער האבן באוויינט די פטירה און דערנאך האבן זיי איר באהאלטן אין דעם מערת המכפלה[י], דאקעגן רחל אמנו איז באערדיגט געווארן אין בית לחם [וואס מיר האפן צו שרייבן דערוועגן בעזהשי"ת אין די קומענדיגע מאמרים].

עס איז אריבער א היבשע פאר יאר, יעקב אבינו איז אראפ קיין מצרים, און ווען עס האט זיך דערנענטערט די צייט פון זיין פטירה האט ער געלאזט רופן זיין הייליגן זון יוסף הצדיק און אים באאויפטראגט מיט דעם הייליגן אויפגאבע צו האבן די אחריות ארויפצוטראגן זיין הייליגע קערפער צום מערת המכפלה, דער הייליגער פלאץ וואו עס ליגן די אבות הקדושים. אויפ'ן פארלאנג פון יעקב האט יוסף געגעבן א שבועה, און נאך דער פטירה פון יעקב ווען אלע שבטי י-ה האבן מיט צער און ווייטאג געטרויערט נאך זייער הייליגן פאטער, און אזוי אויך אלע מצריים להבדיל, האט מען ארויפגעטראגן דעם הייליגן מטה, מיט אלערליי כבוד וואס איז נאר שייך, און מען האט דערגרייכט צום מערת המכפלה[יא].

המשך יבוא אי"ה

**א)** בראשית כה, ז-ח. **ב)** ספר קרנים להמקובל אלקי רבי שמשון מאסטראפאליע הי"ד. **ג)** בבא בתרא צא. **ד)** בראשית כה, ח. **ה)** בראשית רבה פד, יג ובמתנ"כ שם. **ו)** מדרש תנחומא תצא ד; מדרש אגדה, וישלח; ספר הישר, וישלח; ועוד. **ז)** פרקי דרבי אליעזר, פרק לח. **ח)** מדרש תנחומא ויחי, פרק ו. **ט)** פרקי דרבי אליעזר, פרק לח. **י)** ספר הישר, פרשת וישב [אגב, בסדר הדורות (ב'ריד) הובא דעה שבעת שיעקב התאבל על לאה אשתו, בא עשו עם חיל גדול ולחם עם יעקב ובניו, ואז הרג יעקב את עשו אחיו]. **יא)** פסוקי פרשת ויחי ורש"י שם.

**משלחן המערכת: מחמת חוסר מקום בגליון לא פרסמנו עדיין 'שבח המגיע לכתבים', ובעזהשי"ת החל מגליון הבעל"ט נפרסם המכתבים וההערות.**

## בגו הילולא

*המשך*

ער האט פארפאסט דעם באקאנטן פירוש רא"ש אויף ש"ס, פסקים און תשובות, און דער נאמען 'רא"ש' איז אויך מרמז אויף דעם וואס ער איז דער "ראש לכל ישראל" (ים של שלמה קידושין פ"א, סימן סה, יעו"ש). בימיו האט ער אויך שטארק לוחם געווען אקעגן פילאזאפיע וואס איז דאן געווען שטארק פארשפרייט. ער איז נפטר געווארן שנת ה'פא אדער ה'פח.

**ט' מרחשון [יום ה] - הרה"ק רבי אברהם משה מפשעווארסק זי"ע.** געבוירן צו זיין פאטער רבי צבי הירש אין פשעווארסק, און איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק ר"ר אלימלך זי"ע, אין זיין הסכמה אויף דעם ספר 'נועם אלימלך' שרייבט ער: "פון דער טאג וואס השי"ת האט מיר געגעבן הארץ צו וויסן און אויגן צו זען די חסידות און פרישות פונעם רבי'ן, האב איך זיך נישט געריררט פון זיין ביהמ"ד, און איך האב זיך שטענדיג געקלאמערט אין זיין שאטן!" אין זיין תקופה האט אויך געוואוינט אין פשעווארסק דער הייליגער 'אור פני משה', וועלכער האט אויך געהייסן רבי משה, דעריבער האט מען אים אלס סימן גערופן "דער ערשטער רבי משה", און דעם אור פני משה האט מען גערופן "דער צווייטער רבי משה" (זע דרך פקודיך מל"ת לה, אות ז), צוערשט האבן ביידע רבי משה'ס געדינט אלס סופרי סת"ם, אבער שפעטער האט די חברייא קדישא מחליט געווען אז איינער זאל זיין רב, און דער אנדערער זאל דינען אלס סופר סת"ם. ער פלעגט זיך גאר שטארק מסגף זיין, און ער איז נסתלק געווארן ט' חשון שנת תקנ"ד.



# דור דור ודורשיו

## יט | גזירת צדיקאוו

**אין קורצן פון פריער:** אין די עלטערע יארן האט מרן רבי איציק'ל סקווירער זצוקללה"ה אנגעהויבן צו ליידן פון די מחלה 'רעמאטיזם', און האט געהאט גאר שווערע יסורים אויף די הענט און פוס און האט ממש נישט געקענט גיין. די דאקטורים האבן גע'עצה'ט אז ער זאל פארן צו די בעדער. נאך איבערמידליכע שתדלנות און עסקנות צוזאמען מיט בריוו פון דאקטוירים האט ער באקומען אן ערלויבעניש צו פארן צי די בעדער פון טייפליץ.

### דער וועכטער ביים טיר

נאך א לענגערע אפשניט פון ווען רבי איציק'ל איז געוועון אין טייפליץ לצורך רפואה, וואס האט למעשה געברענגט א שטארקע פארבעסערונג פון די יסורים, האט די מחלה זיך ווידער אנגעהויבן צו פארשווערן, און ס'האט זיך ווידער איסגעפעלט אפצורעכטן א נסיעה צו די בעדער, אבער כ"ק מרן רבי איציק'ל האט פאר אן אומבאקאנטן סיבה שוין בשום אופן מער נישט געוואלט פארן אהין נאכמאל קיין טייפליץ.

דעריבער האט מען געמוזט גיין צו א נייע פלאץ קיין אדעס זיך צו היילן אין די בעדער פון די דארטיגע טייך 'לימאן'. אינעם דאטום ז' אייר תרמ"א, האבן די פראפעסארן 'מערינג' און 'יאטשענקא' ארויין געשיקט זייער מיינונג אז היות ער קען שוין נישט פארן קיין טייפליץ וואס האט אים זייער געהאלפן, זאל מען אים ערלויבן צו פארן צו די בעדער אין אדעס.

פאלגנד איז א פרייע איבערזעצונג פון די בריוו פון דאקטורים וואס ברענגט ארויס די סיבות אז רבי איציק'ל זאל פארן קיין אדעס: "די צייגעניש געגעבן צום סקווערע שוכר [רבי] יצחק 'מארדכאוויטש' [א זון פון הרה"ק רבי מרדכי] טווערסקי וועגן דעם אז ער ליידט שוין פון לאנג מיט די ראמאטיזם מחלה אויף די געלענקן מיט זייער פיינליכע ווייטאגן, באזונדער אויף די הענט און די קני. דעריבער איז טווערסקי פאראיאר געפארן קיין אויסלאנד צו זיך היילן מיט די מינעראלע וואנעס און האט טאקע באמת באקומען א שטארקע פארלייכטערונג אזוי אז די ווינטער איז אדורך פיל רואיגער און גרינגער ווי פריער".

"אבער נישט האבנדיג קיין מעגליכקייט נאכאמאל צו פארזעצן די היילונג אין אויסלאנד, ראטן מיר אז אנשטאט די אויסלענדישע וואנעס זאל מען דאס פארבייטן זיך צו באדן אין 'אדעסע לימאן', וועלכער מיר האלטן פאר גאר וויכטיג, אויב אפילו דאס וועט נישט ברענגען קיין גענצליכע רפואה, זאל דאס כאטש צוריקהאלטן די מחלה פון זיך פארשפרייטן און מער אנטוויקלען, און אזוי פארגרינגערן די יסורים. צוליב דעם האבן מיר ארויסגעגעבן די צייגעניש מיט אונזערע סטעמפלען און חתימות". אונטערגעשריבן ראטגעבער דאקטער פון מעדעצין 'פעדאר מערינג' און ראטגעבער דאקטער פון מעדעצין 'אלעקסאנדער יאטשענקא'.

אינעם טאג כ"ה סיון תרמ"א האט מען באקומען אן ערלויבעניש צו פארן קיין אדעס. און ער איז טאקע אהינגעפארן עטליכע מאל. אבער היות אז דאס ערלויבעניש איז בלויז געגעבן געווארן פאר צרכי רפואה, האט ער בלויז געמעגט פארן צי די בעדער אבער נישט פירן קיין טיש.

פארשטייט זיך אז אויף שבת קודש וואס מרן רבי איציק'ל האט געוויילט אין אדעס האט ער זיך נישט קיין סאך געקימערט מיט דעם פארבאט און האט דארט אפגעראכטן זיין עבודת הקודש ביי די הייליגע טישן. די ארטיגע חסידים האבן געדינגען א וועכטער וואס זאל באוואכן ביים טיר און זיך אומקוקן אויב די פאליציי קומען.

דער וועכטער איז געשטאנען ביים טיר אויף א באנק, און בשעת שלוש סעודות ווען מרן רבי איציק'ל האט דערגרייכט צום חרוז 'ברוך הוא אלקינו אשר טוב גמלנו', האט דער צדיק זיך אפגעשטעלט פאר א ווילע, און ס'איז דאן באפאלן א פחד און א דערהויבענע שרעק פאר אלע אנוועזנדע, אויך דער וועכטער וועלכער איז געשטאנען אויפ'ן באנק און פון גרויס פחד אראפגעפאלן צום ערד, און האט אויסגעשריגן: "טשעסני דזשיד... טשעסני דזשיד...!" [ - ערליכער איד... ערליכער איד...!] (מפי הרה"ח ר' מאניע ז"ל).

### ארעסטירט דעם גבאי אנשטאט דעם רבי'ן

נאך דער הסתלקות פון מרן רבי איציק'ל אום י"ז ניסן תרמ"ה, האט דער בכור הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל ממלא מקום געווען זיין הייליגע פאטער אין שטאט סקווירא, ווייטער די אנדערע זון האט געהייסן אז זיי וועלן פירן אין אנדערע שטעט וואו עס וואוינען סקווירא חסידים; הרה"ק רבי מנחם נחום איז אריבער קיין שפיקוב, הרה"ק ישראל איז אריבער קיין טיטיוב, און כ"ק מרן הרה"ק רבי דוד'ל סקוויראר איז אריבער קיין חמעלניק וואו ער האט געוואוינט פאר עלף חדשים.

אבער היות זיי זענען געווארן רבי'ס זענען זיי געווארן א טייל פון די צדיקאוו גזירה, און דעריבער האבן זיי נישט געמעגט ארויספארן פון זייער שטאט. און די רעגירונג האט געצוואונגען הרה"ק רבי ישראל אז ער מוז זיך צוריק באזעצן אין סקווירא ווייל דארט איז זיין היימשטאט און נישט שפיקוב און ער טאר פון דארט נישט ארויספארן, דאקעגן וועגן הרה"ק רבי מנחם נחום האט מען משחד געווען, אזוי ארום האט ער געקענט בלייבן וואוינען אין שפיקוב [לכאורה דאס איז די סיבה פארוואס הרה"ק רבי דוד'ל האט אויך געמוזט זיך צוריקקערן קיין סקווירא].

צען יאר האט מרן רבי דוד'ל סקוויראר זצוקללה"ה געליטן פון די 'גזירת צדיקאוו'. איינמאל איז מהר"ד געפארן צי א צווייטע שטאט אן קיין ערלויבעניש, פארשטייט זיך די גאנצע שטאט איז זיך צוזאמגעלאפן צום בית המדרש יעדער האט דאך געוואלט מיטהאלטן די עבודת הקודש ביי די טישן. מ'האט געשטעלט א שומר ביים טויער פונעם בנין זיך אומצוקוקן און אכטונג געבן אז קיין אומגעוואונטשענע געסט זאלן נישט קומען. אבער די רעגירונג האט זיך דערוואוסט פון דעם און אינמיטן טיש זענען אנגעקומען פאליציי און זיי האבן געוואלט ארעסטירן דעם צדיק, אבער היות דער בית המדרש איז געווען אנגעפאקט מיט מענטשן מ'האט זיך נישט געקענט רירן האבן די פאליציי נישט געקענט אנקומען צו אים, דערפאר האבן זיי צורשט אנגעהויבן צו פארטרייבן דעם עולם פון מערב זייט, און אזוי האבן זיי צעביסלעך געקענט דערגרייכן צו מזרח.

אינצווישן די אנגעצויגענע מינוטן איז פארגעקומען א געאיילטע זיצונג ביים אויבן-אן טיש אויף מזרח וואס מ'זאל טון, ביז זיי האבן מחליט געווען אז דער גבאי זאל אנטון דעם רבי'נ'ס שטריימל און זיי וועלן קלערן אז דער גבאי איז גאר דער רבי [אינדערהיים זענען די חסידים נישט געגאנגען מיט שטריימלעך נאר מיט קאשקעטלעך] און אזוי וועט רבי דוד'ל געראטעוועט ווערן אז מ'וועט אים נישט ארעסטירן. ביז די פאליציי זענען אנגעקומען צום אויבן-אן האט דער גבאי שוין געהאט אנגעטון דעם רבי'נס שטריימל, די פאליציי האבן טאקע געמיינט אז זיי האבן געכאפט דעם צדיק און זיי האבן אים ארעסטירט.

צומארגנס זענען די פאליציי געגאנגען פארציילן מיט א גרויסע שמחה פאר'ן הויפט אויפזעער אז זיי האבן באוויזן צו ארעסטירן דעם רבי'ן. אבער צו זייער גרויס שאק און וואונדער האט ער בכלל זיך נישט צוטון געמאכט פון זייער בשורה, נאר האט צוריקגעזאגט מיט א קללה: "דו הינט! זאלסט דיר נישט איינרעדן אז דו האסט באוויזן אנצוקומען צו זייער רבי, ווייל אויב וואלסטו מצליח געווען צו נעמען דעם רבי'ן דאן וואלט די גאס געווען שווארץ מיט מענטשן, און דו וואלסט ניטאמאל דא געשטאנען ווייל די חסידים וואלטן דיר צושניטן אויף שטיקער...!" (מפי הרה"ח ר' מאניע ז"ל).

פארזעצונג קומט אי"ה

לעורר לב

## דיני תפלין

**ע"י הגאון רבי יוסף ישראל אייזנבערגער שליט"א, דומ"ץ דקהילתנו הק'**
נערך לז"נ אאמו"ר הגאון רבי חיים ב"ר ישראל ז"ל ולע"נ חותני הרה"ח ר' ישעי' יואל ב"ר אברהם צבי ז"ל

**א. אין מעבירין על המצות, לכן אין ליטול לכתחילה כיס התפילין מתיק הטלית קודם לבשתן, שהרי אם יש בידו התפילין יש אומר שחייב להניחן מקודם.**

**ב. אמנם אם בטעות נטל מקודם בידו את התפילין יסלקן ויניח הטלית מקודם, כן הוא הכרעת המקובלים** (כף החיים), **וכל שכן אם הי' החזיק בידו רק התפילין כשהם בכיסן.**

**ג. מי שאין לו תפילין כגון ששוהה בבית החולים וכדומה, ואי אפשר לו להשיג תפילין, ובין כך יעבור חצות היום, מוטב להתפלל בלא תפילין מלהתפלל אחר חצות וכשישיג התפילין יניחם אז, ויקרא ד' פרשיות וקר"ש. ואם יכול להשיג התפילין קודם חצות, רק יאחר זמן תפילה, ישאל שאלת חכם. וכן מי שיש לו ב' ברירות או להתפלל בציבור בלי תפילין או ביחידות עם תפילין ישאל שאלה.**

**ד. מברכין על של ראש על מצוַת תפילין בלחש, אבל אם בירך בקול ושמע חבירו יענה אמן.**

**ה. יזהר לומר ברוך שם כבוד מלכותו אחר ההידוק ולא קודם לכן משום הפסק, אבל בדיעבד אם אמר בשכמל"ו מיד אחר שהניח התפילין על ראשו אינו צריך לחזור ולברך, ויאמר מיד אחר ההידוק בשכמל"ו.**

**ו. יהדר לומר פרשת קדש והי' כי יביאך קודם התפלה כדי שיהא ד' פרשיות כפי סדר הפרשיות שבתורה, שיאמר קודם פרשת קדש והי' כי יביאך, ואחר כך בשעת תפילה יאמר שמע והי' אם שמוע. אמנם אם שכח לאמרו קודם יאמרנה אחר התפלה.**

**ז. בשבוע העעל"ט נפל ט"ס, וצ"ל כזה: "אם נפל התפילין כשהוא בתוך כיסן, או בתוך הבית שלה, יתן פרוטה לצדקה, אמנם אם נפל גוף התפילין -בלא הבית- ארצה ח"ו, ישאל שאלת חכם".**

שואלין ודורשין

## אתרוגי אר"י אחר סוכות

**שאלה: מי שנשאר לו הרבה מאתרוגי שביעית מארץ ישראל, כגון מוכר, ולא מצא עדיין מי שיחזירם לאר"י וכהמנהג, מה יעשה בהם עכשיו** [וכן היה סוחרים שרצו להחזירם ולא ניתן רשות בשדה התעופה לעבור, ובא בחזרה לחו"ל]?

**תשובה: כבר כתבנו בשבוע העבר דמעיקר הלכה מותר לעשות ממנו מרקחת, ושהטוב ביותר להשאירו מחוץ למקרר שיתייבש, - ועכ"פ אם עד עכשיו עדיין לא עשה בו כלום, וגם לא השאירו מחוץ למקרר שיתייבש, ראוי שיפקירם בפני שלשה בנ"א** [ולכתחילה יוציאם מרשותו ושם יפקירם בפניהם, ויכול להיות גם ג' מאוהביו שיודע שלא יזכו בהם (עי' ירושלמי שביעית פ"ט ה"ד הובא בר"ש במשנה פ"ט מ"ח ובכל הפוסקים)], **ושוב יוכל לחזור להכניסם ברשותו ויכוין שלא לזכות בהם עד שימצא שליח שיחזירם לאר"י או עד שיתייבש לגמרי, ויאמר לג' האנשים שאף כשמכניסם לביתו עדיין הפקר ויכולים לבוא לקחתם** (עי' מנחת שלמה סי' נ"א סקי"ח, ומשפטי ארץ סופל"א).

**אבל אותן שאין להם הרבה אתרוגים רק איזה אתרוגים בודדים, דלדעת רוב הפוסקים אין בזה חיוב ביעור** (שהם פחות ממזון ג' סעודות לכ"א מבני הבית), **אי"צ לעשות כנ"ל, ומ"מ יהדרו לשלחם בחזרה או עכ"פ להניחם להתייבש, קודם חודש שבט הבעל"ט.**

**ביאור:** דנחלקו הפוסקים בזמן הביעור באתרוגים, היינו מתי הזמן שכלה לחיה מן השדה, י"א בתחילת שבט וי"א בזמן הסמוך אחר סוכות (וכן החמיר החזו"א, מובא בס' ארחות רבינו), ועכ"פ בפחות מג' סעודות וודאי אי"צ להחמיר [ושיעור ג"ס באתרוגים, הוא לערך חצי אתרוג לסעודה, והוא אתרוג וחצי לכ"א מבני הבית, (עי' שו"ת משנ"י ג'-ל"ו)].

### הערות ותיקונים

**במה שכתבנו בשבוע העבר, שאחר שהאתרוג נתייבש יוכל לזרקם עטוף בשקית של פלעסטיק, - יש להעיר, דלכתחילה לא ראוי לעשות כן** (לא מצד שמיטה רק מטעם שיירי מצוה), **וכמש"כ הרמ"א סי' כ"א דשיירי מצוה אין לזרקם באשפה, ולכתחילה גם לא עטוף בפלעסטיק, אבל כשיש צורך יכול להניחו עטוף בפלעסטיק 'סמוך' לאשפה, שאוספי האשפה יטלנו** (עי' משנ"ב כ"א-ז')**]**.

ויותר טוב להשאירם יחד עם הלולב לשרפם בשריפת חמץ כהמנהג בלולב, וכמש"כ הפוסקים (עי' רמ"א תרס"ד-ט' ושועה"ר ומ"ב סי' תמ"ה וכל הפוסקים, - גם יש בו טעם ע"פ סוד, עי' יסוד יוסף פרק פ"ה) והטעם דהואיל ואיתעביד ביה מצוה חדא ליתעביד בה מצוה אחריתא.

**או יוכל לשרפם כששורף חלה, ששריפת חלה הוא ג"כ מצוה** (שהרי חלה טמאה הוא מן הנשרפין, משנה תמורה לג: ושו"ע שכ"ב-ד', ואף חלת חו"ל הרי דינם בשריפה, עי' שו"ע שם ס"ה).

**ליל ג'** [אור ליום ד'] **כבר הגיע ז' שלימים ויכולים לקדש הלבנה.**

לעטר פתורא

## שאלות ותשובות

**ע"י הרה"ג ר' הערשל ראזנפעלד שליט"א, מו"ץ**
לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**ש' מי שהיה חייב לחבירו כמה מאות דאלער וחבירו מחל לו המעות אח"כ האם צריך לעשר המעות דהוה כמו שהרוויח מעות שצריך לעשר או לא.**

**ת' אין צריך לעשר המעות בין אם היה החוב מהלוואה או ע"י שקנה ממנו דבר כיון שהמעות כבר איננו בעין אין חיוב מעשר ע"ז הוה כמו שנפטר מתשלומין** [כ"כ ספר באורח צדקה פ"ט אות ט"ז מהגריש"א והגר"נ קרליץ].

**ש' מי שעשה איזה נדר הנוגע בינו לחבירו או איזה נדר משום חומרא ופרישות ומתחרט ורוצה להתיר נדרו האם צריך לומר לפני המתיר הסיבה שעשה הנדר או מהני שמפרט הנדר והפתח ואינו צריך לומר הסיבה שעשה הנדר.**

**ת' בנדר שבין אדם לחבירו כגון שלא ידבר עם פלוני או שלא לילך לבית פלוני או שלא יהנה מפלוני צריך לומר הסיבה לאחד מהמתירין** (ואם יגרם עי"ז לדבר לה"ר על חבירו לא יאמר הפרטים רק שהיה לו עסק עם חבירו) **ואם הוא נדר של פרישות כגון שלא לאכול בשר ויין או תענוגים יתירים אין צריך לומר הסיבה שמאליו מובן שהוא משום פרישות** [כמבואר ביו"ד סי' רכ"ח סי"ד קודם שיתירו לו צריך לפרט הנדר והסיבה שבשבילה נדר, ודעת הט"ז להקל שאם אומר לשון הנדר שנדר אין צריך לומר הסיבה וכן דעת המ"א סי' קכ"ח ס"ק נ"ח, אבל דעת הש"ך שבסתם נדר א"א להתירו בלא לידע הסיבה ומה שאין נזהרין כ"כ בזה הוא משום שרוב נדרים שבאים לפני חכם הם דברים שהם לסגף נפשו וסיבתן ידוע שבאו כדי להצדיק נפשו אבל מי שנדר מחמת סיבת עצמי ואינו מפרט הסיבה עוון הוא בידו ועיין הפרשה בהלכה ויקהל].

## שהשמחה במעונם

### שמחת לידת הבן למז"ט

ר' **אורי ברוין** שי' ב"ר משה שי' וחתן ר' בערל גאלדמינצער שי'
ר' **יודא לייב פעלדמאן** שי' ב"ר מאיר חיים שי' וחתן ר' יעקב פרידמאן שי'
ר' **מנחם מענדיל ברוין שי'** ב"ר יעקב יוסף בר"מ שי' וחתן ר' פינחס גאלדמינצער שי'
ר' **מנחם מענדל בערגער** שי' ב"ר אהרן בר"מ שי' וחתן ר' שמחה קאהל שי'
ר' **משה יעקב ביסטאן** שי' ב"ר אברהם לייב שי' וחתן ר' יעקב פרידמאן שי'
ר' **שמואל מרדכי דוד פישעל שי'** ב"ר שלום בער שי' וחתן ר' צבי דוב וואלטער שי'

### שמחת לידת הבת למז"ט

ר' **יעקב יוסף שפירא שי'** ב"ר הערשל שי' וחתן ר' שמואל יעקב פעלבערבוים שי'

### שמחת הנחת תפילין למז"ט

הב' **אברהם חיים** ני"ו ב"ר **חנני' דוב גרינוואלד** שי'
הב' **יואל צבי** ני"ו ב"ר **ישראל מנחם חיים פרידמאן** שי'
הב' **יעקב יודא** ני"ו ב"ר **חיים מנחם לונגער** שי'
הב' **שרגא מיכאל** ני"ו ב"ר **משה חיים שווארץ** שי'

### שמחת אירוסין למז"ט

הבה"ח **משה** ני"ו ב"ר **שלום פסח לאנגסאם** שי'
עב"ג ב"ר **יעקב יוסף געשטעטנער** שי' (מאנטריאל)

הבה"ח **שלמה זלמן אהרן** ני"ו ב"ר **חיים שמואל דוב געלבמאן** שי'
עב"ג ב"ר **בערל וואלטער** שי'

### שמחת נישואין למז"ט

החתן **אהרן** ני"ו ב"ר **אברהם צבי אונגער** שי' עב"ג בת ר' **אהרן יוסף ראזענפעלד** שי' (ב')
החתן **מרדכי פינחס** ני"ו ב"ר **יצחק יוסף אונגער** שי' עב"ג בת ר' **פישל רייצנשטיין** שי' (ג')
החתן **משה ברוך** ני"ו ב"ר **יעקב יוסף** בר"י **שווארץ** שי' עב"ג בת ר' **אברהם קארן** שי' (מאנסי - ג' - ע"ט)
החתן **יעקב זאב** ני"ו ב"ר **יחיאל קלמן הערצל** שי' עב"ג בת ר' **יצחק שטרייכער** שי' (ג' - מאנטריאל)
החתן **חנינא פינחס** ני"ו ב"ר **יעקב יוסף** ברד"ל **ברוין** שי' עב"ג בת ר' **ראובן ברוך סמיט** שי' (ד')
החתן **לוי יצחק** ני"ו ב"ר **יחיאל מיכל ברייער** שי' עב"ג בת ר' **אהרן** בר"ל **ברוין** שי' (ה')

### עטרת זקנים

משפחת **ר"ב אייזענבערג** שי' לרגל שמחת לידת הבן אצל בנם ר' אפרים שרגא שי' (מאנסי)
ר' **וואלף לעוויא** שי' לרגל שמחת לידת הבת אצל בנו ר' אהרן שי' (מאנסי)
ר' **יעקב יוסף** בר"ש **ברויער** שי' לרגל שמחת לידת הבן אצל בנו ר' דוד אברהם שי' (יוניען סיטי)
ר' **יעקב יוסף** ברש"ב **גאלדמאן** שי' לרגל שמחת לידת הבת אצל חתנו ר' יעקב אברהם הערצאג שי' (מאנסי)
ר' **מאיר צבי ניישטאדט** שי' לרגל שמחת לידת הבת אצל בנו ר' זאב שי' (מאנסי)

**בני הוי זהיר בתפילת מנחה! הזמן מעריב מתקדם והולך בשבוע הבעל"ט: עד 7:18**

לקראת שבת
גליון שבועי לתורה וחסידות שע"י התאחדות אברכים דחסידי סקווירא

לנדבות והנצחות / לקבל הגליון בקביעות / למסור הערות והארות, אפשר לפנות אל המערכת:
הכתובת: 701 Wilson Ave. New Square, N.Y. 10977 מס' הטלפון 845.354.0259 או על הפקס. 845.913.7826
להוציא הגליון ע"י פקס מיום שישי בשעה 9:00 בבוקר 1-800-526-5345 להודיע על 'השמחה שבמעונם' נא לצלצל 845-499-7908

כל הזכיות שמורות להמערכת, ואסור להדפיס להעתיק או לצלם אפי' חלק ממנו, בלי רשות מפורשת מהרב ר' שלום רייצנשטיין שליט"א - יו"ר.

המכון | 845.354.0259